היינטיגער נומער האלט 8 זייטען.

№ 266 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tageblat

# לאדזער טאגעבלאט

22-טער יאהרגאנג. | 17 listopada 1929 r. | זונטאג, י"ד מרחשון תר"צ. | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 10057, פון אדמיניסטראציע 10047.


## הזכרה

היינט, זונטאג, ד. 17 ד. ח. 12 א זייגער מיטאג קומט פאר א הזכרה אויפ'ן בית-החיים און 4 א זייגער בין מנחה למעריב — אין דער שוהל פון „מושב זקנים", פא-מארסקא 54 צוליב דער 6-טער יאהר-צייט פון אונפערגעסליכען

נ"ע

## איזידאר שווארצמאן

צו וועלכער אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען

די פאמיליע.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען מיין ליבער מאן אונזער טייערער און אונ-פערגעסענער פאטער, שוויגער-פאטער, גרויס-פאטער, ברודער, שוואגער און פעטער נ"ע

## יוסף ברוך ב"ר משה צבי ז"ל מאנעלא

אין עלטער פון 49 יאהר

די לוי' קומט פאר היינט זונטאג י"ד מרחשון תר"צ 12 א זייגער מיטאג פון טרויער-הויז, פאלודניאווא 24, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

---

## בעקאנטמאכונג.

### סוחרים-פעראיין פון אפפאל און האלב-טעקסטיל-פאבריקאטען

היינט זונטאג דעם 17 ד. ח. 5 א זייגער נאכמ. צום ערשטען טערמין און 6 א זייגער נאכמ. צום צווייטען טערמין קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל מאניושקי 5 דער המשך פון דער אויסערגעוו.

## אלגעמיינער פערזאמלונג

פון די פעראיינס-מיטגלידער. טאג-ארדנונג: וואהלען פון א נייער פערוואלטונג. אלע מיטגלידער ווערען געבעטען אונבעדינגט צו ערשיינען.

די פערוואלטונג.

---

## Zakłady Mechaniczne „URSUS"

**Sp. Akc. Warszawa, Skierniewicka 27/29**

## בענזין-מאטארען

פון אלע סיסטעמען פון 4—600 פערד מעכא-נישע פאר מיהלען, עלעקטראווניעס א. ז. וו.

## ארמאטורען | גיסערייען

צו דאמף, וואסער און גאז, ווי אויך ספעצ. פאר צוקער-פאבריקען

פון אייזענווארג און האלב-אייזעל-מעטאל

מאקסימום פון פראדוקטיוויטעט ביי די מינימאלסטע עקספלאאטאציע-קאסטען.

◄ גינסטיגע צאהלונגס-בעדינגונגען, ►

---

בעזה"י.

### הנהלת הישיבה הגדולה „תורת חסד" קילינסקא 19

מודיעה בזה, כי ביום א' פ' וירא אי"ה בשעה 12 ירציא באולם הישיבה שעור פלפולי עיוני הגאון האמתי והנודע ר' איסר זלמן מעלצער שליט"א מי שהי' האב"ד ור"מ בסלוצק. ועתה הר"מ הראשי בישיבה הגדולה „עץ חיים" בירושלים עיה"ק תבב"א. הוגי וחובבי תוה"ק מבקשים להופיע בדיוק.

---

## Dr. L. Suchowczycki

כירורג

נעמט אן טעגליך פון 4 ביז 7 נאכמיטאג

**Pl. Dąbrowskiego 2, tel. 143-94**

---

## Dr. M. Goldfarb

זאוואדזקא 18, טעל. 19-153

הויט-האר און געשלעכטס-קראנקהייטען

נעמט אן פון 9—12 פארמיטאג און פון 5—8 אווענד.

---

היינט זונטאג, י"ד מרחשון ד. 17 ד.ח. 10 א זייגער פארמיט. ווערט געשטעלט ווערען א מצבה נאך אונזער אונפערגעסליכער און הייסגעליבטער

נ"ע

## גיטל בוכוויץ

צו וועלכער אלע קרובים, פערוואנדטע און בעקאנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען

די פאמיליע.

---

היינט זונטאג י"ד מרחשון 12 א זייגער מיטאג ווערט געשטעלט די מצבה נאך דעם פערשטארבענעם חזן

## גרשון ב"ר יוסף הלוי יאסעלעוויטש ז"ל

גוטע פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

פרוי און זוהן יאסעלעוויטש

---

## איינלאדונג! „בית לחם"

וואסכאדניא 68/70

היינט זונטאג דעם 17. פינקטליך 5 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל וואסכאדניא 68/70

## די פייערליכע ערעפנונג

פון די ערשטעווארם-שטוב פאר ארימע יודישע שול-קינדער פון די פאלקס-שולען.

מיטגלידער און סימפאטיקער ווערען איינגעלאדען צו בעזוכען די פייערליכקייט.

איינגאנג פריי! — מיט אכטונג

די פערוואלטונג פון „בית לחם"

---

## צענטראלער סוחרים- און פאבריקאנטען-פערבאנד

אויף לאדזער וואיעוואדזטווע (פעטריקאווער 10)

לאדענט איין אלע מיטגלידער אויף

## א קאנפערענץ

וועלכע קומט פאר היינט זונטאג ד. 17-טען 7 אווענט אין פעראיינס-לאקאל (פיעטריק. 10) מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: אלגעמיינע סיטואציע פון סוחרטום און שטייער-אנגעלעגענהייטען.

---

## Łódzki Bank Depozytowy

Sp. Akc.

## לאדזער דעפאזיטען באנק

אקציען געזעלשאפט

לאדז, פיעטריקאווער 5.

נעהמט אן פערצינזטע פקדונות (וקלאדען) אויף ביכלעך אין זלאטיס און אין פרעמדע וואלוטען פון 10 זל. אן.

דאס אויסצאהלען קומט פאר אויפ'ן ערשטען פערלאנג ביים פארשטעלען דאס פקדונות ביכעל.

**ŁODŹ,**

**Piotrkowska 5.**

---

## Dr. M. Lerner

ספעציאליסט פון קינדער קראנקהייטן

צוריקגעקומען

▼ זאכאדניא 64 ▲

אויפנאהמס-שעה'ן פון 4—6 נאכמ.

5443

---

פריוואט

## טאנץ-שולע

פון די נייעסטע טענץ

דיפלאמירטער לעהרער י. וויינטרויב

נעמט אן איינשרייבונגען אויף איינצעלנע לעקציעס ווי אויך אין קאמפלעטען יעדען טאג פון 10 פריה ביז 10 אווענד

## קילינסקעגא 44

2-טער הויף פארטער.

די לעקציעס קומען פאר אונטער דער פערזענליכער לייטונג פון י. וויינטרויב און אסיסטענטען.

---

## Dr. med. M. Heller

ספעציאליסט פאר הויט- און ווענערישע קראנקע און מענער-שוועכע

## נאווראט 2, טעל. 179-89

נעמט אן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אווענד

פאר פרויען פון 4—5 נאכמ.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען.

---

## אנאנסירט

נאר אין „לאדזער טאגעבלאט"

---

## היינט האט איהר די געלעגענהייט!!!

פערגעסט נישט, אז אין היינטיגען נומער איז געדרוקט דער קופאן אויף צו בעקומען

## די יודישע געשיכטע פון פראפ. גרעץ

פאר נאר 14 זלאטיס.

קופאן זעה זייט 4 | קופאן זעה זייט 4

---

## בעקאנטמאכונג.

היינט זונטאג ד. 17 ד. ח. 5 א זייגער אווענד קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל פון פליישער-פעראיין, פיעטריקאווער 24

## א גענעראל-פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) וואהלען פון א פארזיצער, 2) וואהלען פון א נייער פערוואלטונג, 3) פאך-אנגעלעגענהייט, 4) שטייער-ענינים און אנד. דרינגענדע פראגען, צו וועלכער אלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך און צאהלרייך אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו ערשיינען.

די פערוואלטונג פון לאדזער פליישער-פעראיין

פיעטריקאווער 24

# לוק פאר דער אויספארשונגס-קאמיסיע

## דער קורס פון דער א"י רעגירונג ביים אויסברוך פון די געשעהענישן איז געקומען נישט צוליב פחדנות, נאר אויס פאליטישע טעמים

### לוק פאר דער אויספארשונגס-קאמ.

### די ארץ ישראל רעגירונג האט געהאנדעלט אונ-ענטשלאסען צוליב פאליטישע טעמים

ירושלים 16 (יט"א) היינט האט די אויספארשונגס-קאמיסיע אויסגעהערט דעם אונטערשטאטס-סעקרעטאר לוק, דאס האט ארויסגערופן א סענסאציע אין לאנד. ער האט ערקלערט אז דער קורס פון דער רעגירונג איז געווען נישט אויס שוואכקייט און פחדנות נאר צוליב פאליטיק.

די יודישע דעמאנסטראציעס אין תשעה באב איז דערלויבט געווארן, אבער אהן פיהנער. די אראבער האבען אין ערשטען טאג געפאלגט, דעם צווייטען טאג האט נישט געהאט קיין זין צו פערבאטען די דעמאנסטראציע, ווייל עס איז גרויס געווען דער יאהר-טאג פון מאהמעד און דאס וואלט געקענט ארויספרופן בלוט-פערגיסונגען אין אלע שכנות'דיגע לענדער.

ווייטער האט לוק ערקלערט אז ערב די געשעהענישן איז ביי איהם אין שטוב פארגעקומען א קאנפערענץ מיט 3 יודישע און 8 אראבישע פערטרעטער וועגען א פערשטענדיגונג. די קאנפערענץ האט צו קיין הסכם נישט געבראכט און עס איז באשלאסען געווארן צו רופען א צווייטע קאנפערענץ. זי איז אבער שוין נישט פארגעקומען ווייל עס האבען אויסגעבראכען די אונרוהען.

ירושלים, 16 (יט"א) דער „ועד הלאומי" האט אפגעהאלטען א זיצונג וועגען דער אונזיכערער לאגע אין לאנד.

### פערהער פון יפו'ער און חיפה'ר פאליצייל

### אין דער אויספארשונגס-קאמיסיע

ירושלים, 16 נאוו. (יט"א) די אויספארשונגס-קאמיסיע האט אויסגעהערט דעם שטעל-פערטרעטער פון קרייז-קאמיסאר אין יפו קראסביס אין אלגעמיין האט ער אפגעגעבען גאנץ גינסטיגע ערקלערונגען פאר יודען. ער שטעלט פעסט, אז די אראבער האבען געשאסען אויף יודען. קיין אינטערעסאנטע פרטים טראגט ער אבער נישט אריין. ער שטעלט אויך פעסט, אז די דעמאנסטראציע אין יפו, האט נשום אופן נישט געקענט אויסגעמיטען ווערען.

עס איז אויך אויסגעהערט געווארן דער שטעל-פערטרעטער פון פאליציי-קאמיסאר אין חיפה מעק קלארער. ער זאגט, אז אין אנהויב האט זיך באמערט א שוואכע אגיטאציע, וועלכע איז אבער שפעטער געוואקסען.

### ספעציעלע סעסיע פון דער מאנדאט-קאמיסיע פאר די ענינים פון ארץ ישראל

גענף, 16 נאוו. (יט"א) די מאנדאט-קאמיסיע האט בעשלאסען צנגוזיפצורופען א ספעציעלע סעסיע פאר די ענינים פון ארץ ישראל. די סעסיע ווערט צוזאמענגערופען אין אנהויב 1930

### ענגלישע פארלאמענטארישע קאמיסיע צו שטיצען א"י

לאנדאן, 16 נאוו. (יט"א) עס האט זיך געגרינדעט א ספעציעלע פארלאמענטארישע קאמיסיע צו שטיצען ארץ-ישראל. בראש פון דער קאמיסיע שטעהט קאלאנעל וועדזשוואוד.

### ח. נ. ביאליק גלויבט אין אראבישען פאלק

ירושלים, 16 נאוו. (יט"א) ח. נ. ביאליק איז שוין צוריקגעקומען קיין א"י. אין א געשפרעך מיט'ן יט"א-פארשטעהער האט ער געזאגט, אז ער גלויבט דאס די בלוטיגע אונרוהען זענען ארויסגערופען געווארן דורך א גרופע אגיטאטארען אבער דאס איז ווייט פון דער דאזיגער הצעה.

### נייע כוליגאנישע אנפאלען פון רומענישע סטודענטען אויף יודען

בוקארעסט, 16 יוני (יט"א) די רומענישע סטודענטען פיהרען ווייטער זייערע ווילדע הצעס אויף יודען.

אויף דער באהן-סטאציע ביטנא, נישט ווייט פון בוקארעסט זענען זיי בעפאלען די יודישע פאסאזשירען און זיי מערדערליך געשלאגען. 1 יודישער פאסאזשיר איז שווער פערוואונדעט.

### פויערן ערמארדעט א יודישען קאמוניסט

מאסקווע, 16 נאוו. (יט"א) דער בעקאנטער יודישער קאמוניסט מיכאל ראשסטיק, וועלכער איז געפאהרען אין א ספעציעלער מיסיע איבער די דערפער, איז ערמארדעט געווארען דורך די „קולאקעס".

### בעסיעדאווסקי אנגעקלאגט פאר פערשווענדען 15 טויז. דאלאר

מאסקווע 16 (ספעצ.) דעם 20 ד. ח. וועט פארקומען דער פראצעס געגען בעסיעדאווסקי'ן. ער ווערט אנגעקלאגט פאר פערשווענדען 15 טויזענד דאלאר. בעסיעדאווסקי האט ערקלערט אז ער וועט זיך צום פראצעס נישט צושטעלען. די סאוו. רעגירונג. האט זיך געווענדעט צו פראנקרייך ארויסצוגעבען בעסיעדאווסקי'ן

### 40-יאהריגער יובילעאום פון דער בראזיליאנישער רעפובליק.

ווארשא (טעל.) אין שייכות מיט'ן 40 יעהריגען יובילעאום פון דער בראזיליאנישער רעפובליק האט דער מלוכה-פרעזידענט אוועקגעשיקט א בעגריסונג דער בראזיליאנער רעגירונג.

### ארעסטירט ארגאניזאטארען פון פאליטישע מארדען אין ווין.

ווין 16 (ספעצ.) די פאליציי האט ארעסטירט עטליכע פערזאן וואס האבען א שייכות צו די פאליטישע מארדען וואס זענען לעצטענס אויסגעפיהרט געווארען אין עסטרייך דערונטער אויך אויפ'ן רעדאקטאר שלעגעל.

### די לעקציעס אויף די ווינער הויך-שולען הויבען זיך שוין צוריק אן.

ווין 16 (אפיצ.) אויף א קאנפערענץ פון די רעקטארען איז בעשלאסען געווארען אנצוהויבען צוריק די לעקציעס. דערביי זאל לעגיטימאציע צוואנג ווייטער בלייבען אין קראפט.

### היינט וואהלען אין פרייסען

בערלין 16 (ספעצ.) היינט קומען פאר אין גאנץ פרייסען וואהלען צו די קרייז-ראטען עס ווערט געפיהרט א שארפע וואהל-אגיטאציע. אויס מורא פאר אונרוהען איז אין בערלין מאביליזירט געווארען זעהר פיל פאליציי. פאר אלע וואהל-ביוראס שטעהן פאליציאנטען.

W dniu 15 listopada r. b. zakończył życie w Warszawie na skutek wypadku samochodowego

# MARCELI BARCIŃSKI

**Dr. phil., Oficer Orderu „Polonia Restituta",**

**Dyrektor Związku Przemysłu Włókienniczego w Państwie Polskiem.**

Swoje wybitne zdolności i zalety charakteru oddawał w niezmordowanej i owocnej pracy na usługi przemysłu włókienniczego i naszego Związku od czasu jego powstania.

Tracimy w nim zasłużonego współpracownika i oddanego przyjaciela, któremu zawsze dochowamy najlepszej pamięci!

**Związek Przemysłu Włókienniczego**

**w Państwie Polskiem.**

